בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת קֹרַח

תשע"ז

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**


---

Visit our website: www.breslevcity.co.il

**לשמוע השיעורים: 212-444-9191**

Find our entire book selection at:

**AMAZON.COM**

To donate and/or sponsor one of our books please call: **845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בעזהשי"ת - יום א' פרשת קרח, כ"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

היינט נאכט קומט פאר די גרעדזשועישן פאר די עלטערע מיידלעך; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א פלאץ וואו מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער אזוי ווי מיר האבן געלערנט ביי מוהרא"ש ז"ל.

מוהרא"ש ז"ל פלעגט שטענדיג זאגן אז א מענטש דארף בעטן דעם אייבערשטן אז זיינע קינדער זאלן זיין מער פון אים, בעסער פון אים, און ערליכער פון אים, ווייל אזוי וועלן זיי אפשר אנקומען צו זיין מדריגה, אבער אויב א מענטש וויל אז זיינע קינדער זאלן זיין אזוי ווי אים, וועלן זיי זיין ווייניגער ווי אים; לגבי וואס זאג איך דאס? מיר פארלאנגען אז אלע מיידלעך וואס גרעדזשועיטן זאלן זיך אנטון 'סימס', און זיי זאלן דאס טראגן אפילו ווען זיי זענען נישט אין סקול. צניעות איז נישט קיין קנס, צניעות איז א שיינע זאך; וואויל איז פאר עלטערן וואס ווילן אז די קינדער זאלן זיין בעסער און ערליכער פון זיי, וועלן די קינדער אויפוואקסן ערליכע אידן.

די מנהלת זאגט מיר אז זי האט גערעדט צו די עלטערן וועגן דעם, אז די מיידלעך זאלן קומען מיט 'סימס', און עס זענען געווען עטליכע פון די עלטערן וואס האבן זיך געשפארט דערויף און נישט געוויזן שעצונג אז זיי ווילן אז זייערע טעכטער זאלן זיין צניעות'דיג; וויסן זאלט איר, אז יעדער מענטש מאכט ביי זיך אין מח א ליין וואס לדעתו איז דער ליין די וועג ווי אזוי מען דארף זיין, אבער קיינער איז נישט פארזיכערט אז די קינדער וועלן אים נאך גיין געשפאנט אויף זיין ליניע וואס ער האט זיך געמאכט, ממילא אויב די קינדער באקומען די געפיל - סיי פון שטוב און סיי פון סקול, אז מען זאל גיין אנגעטון צניעות'דיג, און אז גיין אנגעטון צניעות'דיג איז א שיינע זאך וכו', וועלן די קינדער אויפוואקסן ערליכע אידשע מאמעס, און אויך אויפציען א שיינעם דור.

איך וועל אי"ה רעדן היינט נאכט ביי די גרעדזשועישן פון דעם ענין מער באריכות.

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

א גוטן טאג.

...

די פרויען צוזאמקום וועט נישט זיין מיטוואך, עס וועט זיין אי״ה דאנערשטאג.

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת קרח, כ״ד סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מיין טייערע ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו שרייבטס מיר אז דו ביסט אסאך מאל נערוועז אויף דיין ווייב, און דו ווייסט נישט פארוואס דאס קומט, ווייל זי איז אזוי וואויל און אזוי גוט צו דיר; דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן רמט) אז ווער עס זינדיגט אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, ווערט א נערוועזער מענטש, און יעדער ליידט פון דעם מענטש, ווייל די עבירה ברענגט אריין אינעם מענטש א שטארקע מרירות, און מען ווערט זייער דערביטערט רחמנא לצלן.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי׳ן און ער האט זיך באקלאגט אז זיין בעל הבית שלאגט אים, און ער האט געבעטן אויב דער רבי קען רעדן צו אים; דער רבי האט אים געלאזט רופן. און אזוי ווי יענער מענטש האט זיך געהאלטן אלץ א שיינער איד, איז ער געקומען צום רבי׳ן מיט א ספר אונטער זיין ארעם, אזוי ווי די שיינע אידן גייען געווענליך. ווען ער איז אנגעקומען צום רבי׳ן האט אים דער רבי געזאגט: ״איך האב א קשיא, אפשר קענט איר מיר דאס פארענטפערן; עס שטייט ביי די פרשה פון ער ואונן (בראשית לח, ז): ״וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה׳״, פארוואס שטייט רַע בְּעֵינֵי ה׳ - ער איז געווען שלעכט אין די אויגן פונעם אייבערשטן, עס וואלט געדארפט שטיין רָשָׁע בְּעֵינֵי ה׳? נאר - האט דער רבי געזאגט - ווייל ווער עס טוט די עבירה וואס ער האט געטון, ער איז פוגם בברית, ווערט א ׳רַע׳, - א שלעכטע מענטש.

ווי נאר דער איד האט דאס געהערט פונעם רבי'ן האט ער נישט געקענט בלייבן שטיין פארן רבי'ן מחמת בושה, ער איז ארויס אינדרויסן און ער האט תיכף אנגעפאנגען צו וויינען אויפן קול, און עס איז אים געריננען די טרערן; ער האט זיך געבעטן ביי איינעם פון רבינ'ס תלמידים אז ער זאל בעטן דעם רבי'ן ער זאל אים געבן א וועג תשובה צו טון. דער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל מער נישט לערנען קיין קבלה, און אים געוויזן א וועג ווי אזוי תשובה צו טון.

זעט מען פון דעם אז אלע נערוועזעקייטן קומט פון עבירות וואס דאס ברענגט ארויף אויפן מענטש א נערוועזעקייט פאר גארנישט און פאר נישט. אזוי ווי דו אליין שרייבסט מיר אז דו האסט א טייערע ווייב; פרנסה האסטו; נחת האסטו; און דו ווייסט אליין נישט פארוואס דו ווערסט נערוועז, און דו לאזט אויס דיינע נערוון אויף איר.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מען קען דערקענען א נואף דורך זיין נאז; מוהרא"ש ז"ל איז דאס מסביר אז דאס גייט ארויף אויף כעס. איינער וואס איז שטענדיג נערוועז איז א סימן אז ער איז א נואף. דערפאר, זע תשובה צו טון אויף דיינע עבירות, וועסטו נישט זיין אזוי נערוועז.

בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיין א רואיגע טאטע, און עס זאל דיר גארנישט אנגיין; בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, העלף מיר, איך וויל זיין אן ערליכע איד, איך וויל האבן ריינע אויגן, העלף מיר אז איך זאל נישט קוקן אויף קיין שמוץ. רבונו של עולם, וואס זאל איך טון אז איך בין אזוי אראפגעפאלן, איך ליג אין א טיפע בלאטע, און מיין מח איז מיר אויסגעברענט, דאס מאכט מיר אזוי אנגעצויגן און נערוועז. הייליגע באשעפער, העלף מיר אז איך זאל שטענדיג געדענקען אלע חסדים וואס דו טוסט מיט מיר. העלף מיר אז איך זאל מיך נישט פארלירן, און איך זאל נישט נערוועז ווערן פון יעדע קלייניקייט".

איך שרייב דיר נאר אביסל ווי אזוי מען בעט דעם אייבערשטן, אבער דער עיקר זאלסטו רעדן צום אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך, זאג אים וואס עס טוט דיר וויי.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת קרח, כ״ד סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מיין טייערע תלמיד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא״ש ז״ל האט נישט געהאלטן אז מען זאל אויסרופן נדרים ונדבות ביי די ספר תורה, ווייל אז מען שנאדערט ביים עולה זיין לתורה און מען באצאלט נישט איז עס זייער א הארבע זאך, דערפאר רופט מען נישט אויס ביים מי שברך "בעבור שנדר וכו׳".

דאס וואס דו פרעגסט ווי אזוי מען קען מאכן א הכנסה פאר די שול; מען קען בעטן די מתפללים אז זיי זאלן זיך משתתף זיין אין די הוצאת בית המדרש. אויך קען מען דאס מפרסם זיין דורך ארויף שטעלן די נעמען פון די וואס העלפן דעם בית המדרש, אויף א צעטל וכדומה.

דער עיקר זאלסטו זען אז מען זאל נישט שלעפן דאס דאווענען אין דער וועלט אריין, ווייל דאס איז גורם אז מען זאל שמועסן ביים דאווענען, און דאס איז גורם אז מען זאל קומען שפעט ביים דאווענען, ווייל מענטשן האבן נישט קיין כח צו זיצן און ווערן צעפלאצט. אדרבה, קום אין ישיבה אויף א שבת וועסטו זען ווי שיין מען דאווענט; קיינער שמועסט נישט, ווייל מען דאווענט געשמאק - נישט געצויגן אין דער וועלט אריין.

פארגאנגענעם שבת איז געווען א באווארפן ביי אונז, און נאכן דאווענען זאגט מיר דער זיידע פונעם חתן: "ווען מען זאל דאווענען אין אלע שולן אזוי ווי דא, וואלט קיינער נישט גערעדט ביים דאווענען"; ער האט זיך אזוי מחי׳ געווען, און ער האט מיר געזאגט: "איך האב שוין לאנג נישט געהאט אזא געשמאקע דאווענען".

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת קרח, כ"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע ... ני"ו, גבאי בית המדרש היכל הקודש ...**

דו דארפסט זיך זייער פרייען אז דו האסט דעם זכות פון זיין א שמש פארן הייליגן רבי'ן; ווי לאנג מיר זענען דא אויף דער וועלט, ווען מיר קיינמאל נישט משיג זיין וואסערע זכות דאס איז פאר אונז, נאר אויבן אויף יענע וועלט וועלן מיר דאס משיג זיין. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן עד): אז ווער עס איז משמש א צדיק דא אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין אים צו משמש זיין אויך אויבן אויף יענע וועלט.

בנוגע וואס דו פרעגסט, היות דו ביסט א גבאי, ווילסטו וויסן ווער עס בענטשט ראש חודש, און וועם מען שיקט צו צום עמוד וכו'; דא אין ישיבה האבן מיר מסדר געווען אז דער בעל קורא בענטשט ראש חודש, און מיר האבן בעלי תפילות קבועים וואס דאווענען שיין און געבן אכטונג נישט צו מאכן קיין טרחא דציבורא. אזוי אויך בנוגע פארלערנען - קען מען מאכן אויף צוויי וועגן, אדער אז יעדע וואך לערנט פאר א צווייטער כסדרן, אדער אז עס איז דא איינער וואס האט גוטע דיבורים, לערנט יענער פאר.

אז מען וויל מכבד זיין א גאסט געבט מען אים אן עליה; אבער אז דו וועסט וועלן מכבד זיין איינעם און צו שיקן צום עמוד איינער וואס קען נישט דאווענען וכו', און יענער וועט אויסציען דאס דאווענען, וואס וועט געשען? מענטשן וועלן אנהייבן צו שמועסן. דערפאר, אז דו פרעגסט מיר ווי אזוי מען שטעלט אויס א שול, זאג איך דיר אז מען דארף נעמען בעלי תפילות קבועים וואס דאווענען שיין - נישט שנעל און נישט שטייט.

די אלע מענטשן וואס עפענען א שול פאר ראש חודש בענטשן, אדער צו זאגן ה' מלך וכו' - דאס איז אלעס דמיונות. מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זאל פטור ווערן פון דעם יצר הרע וואס הייסט 'דמיונות', אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כה): "היינט דארף מען געבן א נייע נאמען פארן יצר הרע - 'כח המדמה'"; ווייל דער יצר הרע ברענגט אריין אינעם מענטש אזעלכע נארישע דמיונות, א מענטש דמיונ'ט זיך אז ער האט כבוד - ער בענטשט ראש חודש, ער זאגט ה' מלך, ווען באמת איז דאס איין שטיק בזיונות.

ברודער טייערער, אנטלויף פון די סארט בזיונות, מיר האבן באקומען אנדערע סארט בזיונות אלץ א מתנה פון רבי'ן.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת קרח, כ"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע חבר ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן פון דיר, נאכדעם וואס איך האב שוין נישט געהערט פון דיר א לאנגע צייט.

דו שרייבסט מיר אז דו האסט ספיקות צי דו זאלסט קומען אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן; גלייב מיר, יעדער האט שוועריקייטן, און יעדער האט מניעות, פון די אלע טויזענטער מענטשן וואס קומען יעדעס יאר קיין אומאן קומט קיינער נישט גרינגערהייט, אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען צו אים, ווארפן מיר אלעס אוועק, און מיר קוקן נישט אויף די אלע מניעות, נאר מיר גייען צום רבי'ן.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קכג) אז דער עיקר און דער יסוד וואס אלעס ווענדט זיך נאר אין דעם - איז זיך מקשר צו זיין צום צדיק הדור, און אננעמען אלעס וואס ער זאגט, סיי א קליינע זאך און סיי א גרויסע זאך, און חס ושלום זיך נישט אוועקדרייען פון זיינע ווערטער, אזוי ווי חז"ל זאגן (ספרי שופטים) "אפילו אומר לך על

ימין שהוא שמאל, ועל שמאל שהוא ימין"; דאס הייסט, אז דער מענטש דארף אינגאנצן אוועק ווארפן זיין אייגן שכל, אזוי ווי ער האט בכלל נישט קיין שכל, נאר דאס וואס ער באקומט פונעם צדיק, און ווי לאנג א מענטש האלט זיך נאך מיט זיין אייגן שכל, האט ער נאכנישט קיין שלימות, און ער איז נאכנישט אמת'דיג מקורב צום צדיק.

דערפאר, אז דער רבי האט אונז געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, דארפן מיר פאלגן בתמימות ובפשיטות און קומען צו אים; מוהרא"ש ז"ל פלעגט שטענדיג זאגן אז אויב דער רבי וואלט נישט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה וואלט ער געווען דער ערשטער נישט צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, אבער אז דער רבי האט געהייסן קומען, דארף מען קומען אפילו עס איז שווער.

חז"ל זאגן (ביצה טז.): "כל מזונותיו של אדם, קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים", ראש השנה שרייבט מען אפ פארן מענטש זיין פרנסה פארן יאר; וויפיל ער זאל פארדינען. אזוי אויך שרייבט מען אפ ראש השנה אלעס וואס וועט פאסירן מיטן מענטש, און מיט די ווייב און קינדער, אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען (פיוט ונתנה תוקף): "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן, כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ וּמִי בַמַּגֵּפָה". און דער רבי זאגט נאך מער (חיי מוהר"ן, סימן תסו) אז ווען דער חזן זאגט 'מי', 'ומי', 'ומי', דארט זענען מרומז אלע גזירות וואס שטייט נישט אויסגערעכנט אינעם פיוט פון ונתנה תוקף.

דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן סימן ת"ג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, און עס איז מיר א וואונדער פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ

הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דער רבי האט געהייסן אז מען זאל מאכן א כרוז, אז אלע זאלן קומען צו זיין ראש השנה. נאך האט דער רבי געזאגט: "ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר".

איך האף אז דו לערענסט דיינע שיעורים כסדרן יעדן טאג; דער רבי האט אונז געגעבן א געשמאקע סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן, סימן עו), ווי אזוי יעדער מענטש קען זוכה זיין צו שפאצירן אין כל התורה כולה. אז מען איז זיך מסדר יעדן טאג צו לערנען אביסל חומש, אפאר פרקים משניות, אביסל גמרא, וכו', קען מען ביז א קורצע צייט זוכה זיין צו ענדיגן בבלי, ירושלמי, תוספתא, רמב"ם, טור, שלחן ערוך און אלע מדרשים; א מענטש וואס איז קלוג מאכט זיך א חשבון: "וואס האב איך צו קוקן אויף א צווייטן; וואס האב איך צו הערן וואס א צווייטער זאגט אויף דעם; איך וועל ענדערש פאלגן דעם רבי'ן, און זוכה זיין צו שיינע זאכן".

מיר האבן יעצט ארויס געגעבן א נייעם דיסק "טאנץ מיט אמונה"; צינד עס אן ביי דיר אין געשעפט, און טייל עס פאר אלע בחורים וואס קומען צו דיר קויפן טשאלענט וכו', אזוי וועט דיין פרנסה זיין איין שטיק הפצה, וועסטו האבן גרויס הצלחה.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האב הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת קרח, כ"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פארשטיי ווען איר שרייבט לשון הקודש, און איך קען אייך צוריק שרייבן אויף לשון הקודש, אבער איך שרייב אייך צוריק אויף אידיש, ווייל איך האב אסאך תלמידים - בחורים און אינגעלייט וואס פארשטייען נישט קיין לשון הקודש, דערפאר

שרייב איך אין אידיש, ווייל אלע בריוו וואס איך שרייב צוריק פאר מענטשן דרוקט מען יעדע וואך אין א קונטרס, און די תלמידי הישיבה זענען זיך מחי׳ מיט דעם.

איך האב אלץ קינד זייער שטארק געוואלט זיין אן ערליכער איד, און איך האב דעמאלט פארשטאנען אז כדי צו זיין אן ערליכער איד דארף מען זיך אפשיידן פון דער וועלט, איך פלעג ווערן דערפון זייער צעבראכן, ווייל איך האב נישט געקענט נאכמאכן אלע מעשיות וואס איך פלעג ליינען פון צדיקים. ביז דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט, אז איך האב געטראפן א ספר ׳אשר בנחל - חלק כז׳, איך האב געהאט א נס אז איך האב נישט געוואוסט ווער עס שרייבט דאס, ווייל מיר האט מען אויסגעלערנט אז מען טאר נישט נעמען די ספרים און די קונטרסים. דער ספר האט מיך אזוי איבערגענומען אז איך האב טעגליך דורכגעליינט דעם גאנצן חלק; איך פלעג זיצן פארגליווערט און פארפרוירן בשעת איך האב עס געליינט, און עס פלעגט מיר רינען טרערן פון מיינע אויגן, מיין ווייב פלעגט מיר פרעגן: ״וואס שטייט דארט אזוי אינטערעסאנט אז מען קען נישט רעדן צו דיר ווען דו ליינסט דאס?״ וואס האט מיך טאקע אזוי איבערגענומען פון דעם ספר? איך האב דארט געזען אז איך קען אויך זוכה זיין צו זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן.

אודאי איז דער רבי דער צדיק שבדור, און ער איז אונזער רבי ביז משיח וועט קומען; אבער אז איך קוק אויף מיר און איך באטראכט זיך, זע איך איין זאך, אז איך האב געהאט א סאך ברסלב׳ער חברים, זיי פלעגן מיר שלעפן אין פעלד איין מאל א וואך, און מען פלעגט רעדן צו מיר פון רבי׳ן וכו׳ וכו׳, אבער למעשה האט מיר קיינער נישט געקענט ברענגען צום הייליגן רבי׳ן נאר מוהרא״ש ז״ל; עס איז אויף מיר געווען זייער אסאך מחלוקות, זאכן וואס איך קען נישט שרייבן און אויך נישט רעדן ביי מיינע שיעורים, בפרט ווען מען כאפט עס אפ און טויזענטער מענטשן זען דאס וד״ל, און מען האט צו מיר גערעדט זייער שלעכטע לשון הרע׳ס אויף מוהרא״ש ז״ל; איך האב זיך אבער געמאכט א פשוט׳ער חשבון, אויב איך וועל אריינגיין אין פארענטפערן מוהרא״ש וועל איך בלייבן פון אינדרויסן, נאר איך האב אריין גענומען ביי מיר אין קאפ אז מוהרא״ש איז מיין הצלה מאן, ער שָׂאקְט מיר; ער געבט מיר אקסידזשען

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

(חמצן), נו, אויב איינער קומט צו מיר רעדן אויף דער מענטש וואס ראטעוועט מיר מיין לעבן, קענסט עס רופן רבי, חבר, מורה דרך, נישט קיין חילוק ווי אזוי דו רופסט יענעם, אויב דו נעמסט מיר אוועק פון א מענטש וואס מאכט מיר פשוט לעבן, איז יענער א רוצח.

פארשטייט זיך אז מען טאר נישט מאכן קיין אפ-גאט פון א מענטש; די גאנצע פרשה וואס טוט זיך אפ ביי ענק אין ארץ ישראל וכו׳, דאס איז דאך נישט צום גלייבן אז מען מאכט אן אליל פון א מענטש רח״ל. בכלל אז מען קוקט אן דעם מענטש מיט זיינע מענטשן שטימט נישט די גאנצע זאך - מתחילה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר, פון וואו נעמט מען די ווילדע הנהגות צו גיין אנגעטון ווילד? די פיאות קען ער זיך נישט מאכן, אין דער צייט וואס דער רבי האט זייער מקפיד געווען צו גיין מיט שיינע געקרייזלטע פיאות (עיין חיי מוהר״ן, סימן תקז).

איינער האט מיר אמאל געוויזן א קליפ ווי ער לייגט זיך אראפ ביי א חתונה, און זיינע מענטשן קריכן אים אונטער, און ער זאגט אז דאס איז א תיקון גשר... דא אין ישיבה האבן מיר שוין צען יאר צוריק געוואוסט אז עפעס איז נישט בסדר, ווען אלע זענען אים נאכגעלויפן ווי קעלבלעך, ווייל מוהרא״ש האט אונז גוט געעפענט דעם קאפ, אז עס נישט דא אזא זאך בדורינו אז איינער זאל געבן תיקונים. איך האב אסאך צו שרייבן איבער דעם ענין, און אויב איר הערט טאקע אויס די שיעורים פון ישיבה זוכט אויף אלטע שיעורים, וועט איר הערן ווי מיר האבן שוין יארן צוריק געפרעגט: ״וואס גייט פאר אין ברסלב וכו׳?״

הכלל, א מענטש דארף קוקן אויף זיך, אזוי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן סז): ״והעיקר להסתכל על עצמו״; דאס הייסט, אויב איך האב א פלאץ וואו מען איז מיר מחזק און מחי׳, מען לערנט מיר אויס ווי אזוי צו לעבן - קוק איך נישט אויף קיינעם אין דער וועלט.

געדענקט גוט; דער רבי - ער איז אונזער רבי, אבער מען טאר זיך נישט לאזן נארן, און מען קען זיין א ברסלב׳ער חסיד דורי דורות אבער מען האט נישט קיין שום שייכות

מיטן רבי׳ן. ליידער אין ברסלב אליין זענען דא פיל פאלשע הנהגות; מען לערנט אויס פאר אינגעלייט חומרות ופרישות, ווען דער רבי אליין איז געווען אזוי אנקעגן חומרות, אזוי ווי עס שטייט בפירוש (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב, סימן מד): ״והוא בעצמו אינו מחמיר כלל״.

איך פלעג האבן ברסלב׳ע חברים, איין ווארט האבן זיי געהאט: ״דעם רבי׳נס זאך״, און זיי זענען שטענדיג געווען פארנומען מיט דעם איינע זאך: ״דאס איז יא דעם רבי׳נס זאך״, ״דאס איז נישט דעם רבי׳נס זאך״; וואס דאס האט מיר מורא׳דיג פארעקלט, זיי האבן יעדן איינעם אוועק געמאכט מיטן טענה אז יעדער איז א מפורסם של שקר, און דאס האט מיר זייער מרחק געווען.

ביז דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט און איך האב באקומען דעם ספר אשר בנחל, וואס דארט שטייט וואס דעם רבינ׳ס זאך איז; אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן, און מען זאל געדענקען אז מיר גיין שוין באלד אהיים צוריק צום אייבערשטן.

באמת פארשטיי איך נישט וואס איר פארשטייט נישט; איך רעד צו בחורים אזוי פיל אז עס איז ממש ניחר גרוני, איר קענט זיך נישט פארשטעלן וויפיל שיעורים איך געב פאר זיי, ווייל דאס וואס איר זעט און איר הערט, דאס איז א קליינע חלק וואס מען לייגט ארויס אז נאך מענטשן זאלן דאס קענען הערן. איך נעם א בחור וואס לייגט נישט קיין תפילין און היט נישט קיין שבת, בקיצור א בחור וואס איז אויסגעלאשן אינגאנצן, און איך שפיל מיט אים א יאר צוויי אינדיק, ביז ער הייבט אן צו לערנען און דאווענען און ער ווערט אן ערליכער איד. פלוצלינג הער איך אז יענער איז שוין אפגעקילט געווארן, ווייל איינער האט אים געזאגט אז דאס איז נישט דעם רבינ׳ס זאך... פרעג איך אייך, וואס איז יענער? אדרבה, איר זענט א פארשטענדליכער מענטש, וואס איז יענער אויב נישט קיין רוצח?! דארף איך אנגרייטן דעם בחור אז ער זאל נישט אויסהערן קיין ליצנות, נו, ווי אזוי קען איך אנגרייטן דעם בחור? אז איך זאג אים: ״וואס גייט דיר אן ׳דעם רבינ׳ס זאך׳, ״דאס איז יא דעם רבינ׳ס זאך״, ״דאס

איז נישט דעם רבינ׳ס זאך״, דו דארפסט קוקן אויף דיר, וואס גייט דיר אן וואס מען זאגט אויף יענעם, דו קוק אויף דיר״.

איך האף אז איר פארשטייט וואס איך מיין; איך וועל אייך נאך ענטפערן מער באריכות, איך בין פשוט אזוי איבערגעשטרענגט אז איך קום נישט אן צו ענטפערן קיין בריוו, אבער היות אז איר זענט א מזכה את הרבים, איר זענט מתרגם די דרשות אז נאך א איד זאל ווערן מקורב צום רבי׳ן, האב איך אייך אביסל צוריק געשריבן.

...

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת קרח, כ״ד סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב הנאה אז דו שטארקסט זיך מיט אמונה פשוטה, און דו חזר׳סט די פשוט׳ע אמונה אז מען דארף גלייבן אינעם אייבערשטן, אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און קיינער קען דיר גארנישט טון. וויסן זאלסטו אז ווי מער א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה פשוטה, ער חזר׳ט זיך איין אז קיינער קען אים גארנישט טון, נאר אלעס איז דער אייבערשטער - אלץ מער ווערט מען פרייליך און רואיג.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳, סימן ה): ״הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה. כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה״. עס זענען דא מענטשן וואס ליידן זייער אסאך יסורים נאר ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה.

היינט צו טאגס קען מען דאס ממש זען; אז זייער אסאך מענטשן ליידן פון פחדים און דמיונות, און די מענטשן רודפ׳ן זיך אליין. דער רבי זאגט אז א מענטש קען זיך זיצן ביי זיך אין שטוב, און טראכט אויס א מעשה אז ער האט צוטון מיט א צווייטן,

און ער רודפ׳ט זיך מיט דעם אליין, און דאס אלעס איז נעבעך בלויז א דמיון, אבער ער עסט זיך אויף. עס איז באוואוסט די מעשה אז עס איז אמאל געווען א מענטש וואס האט געדארפט האבן א האק, ער האט געוואלט אויפהאקן ביי זיך די ערד, און ער האט געטראכט צו זיך: "וואו קען איך שאפן א האק?" און ער כאפט זיך אז זיין שכן האט א נייע האק, און ער וועט אים בעטן צי ער וויל אים דאס בארגן. אזוי טראכטנדיג הייב ער אן אויס צו טראכטן: "דער שכן וועט מיר דאך עס נישט ווען בארגן, וועל איך אים בעטן שטערקער", און אזוי גייט ער אריין אין דמיונות, ער הייבט אן צו קאכן און זיך אויפעסן: "פארוואס איז ער אזא שלעכטער? וואס גייט אים אן מיר צו בארגן זיין האק?" און אזוי ווערט ער מער און מער אנגעגעסן, ביז ער לויפט אריין צום שכן און הייבט אן צו שרייען אויף אים: "האלט דיר דיין האק; מוחל טובות, האק דיר אפ דיין קאפ מיט דיין האק!" דער שכן קוקט אים אן, און פרעגט אים: "ר׳ איד וואס שרייט איר אזוי, וואס האט פאסירט, מיט וואס קען איך אייך העלפן?" דער שכן קומט דאך פון זיינע דמיונות וכו׳, שרייט ער צוריק: "מאך דיך נישט אזוי בא׳טעמ׳ט, ׳מיט וואס קענסטו מיר העלפן׳ פרעגסטו? איך בעט דיר א גאנצע נאכט דיין האק, וואס ביסטו אזא שלעכטער, וואס גייט דיר אן מיר עס צו בארגן?" דאס איז א מעשה וואס פאסירט טאג טעגליך ביי מענטשן, מען זיצט אין שטוב און מען טראכט זיך אויס א מעשה, און דאס אלעס איז נעבעך פון דמיון.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן כה): חז"ל זאגן (סוכה נב.) אז דער יצר הרע האט זיבן נעמען, היינט - זאגט דער רבי - דארף מען אים צו געבן אן אכטע נאמען, א נייע נאמען: ׳כח המדמה׳, ווייל ער מאכט א מענטש טראכטן שלעכטס; ער ברענגט אריין אין א מענשט שלעכטע מחשבות, כאילו דער אייבערשטער איז ברוגז אויף אים, און אז דער אייבערשטער דארף אים נישט, און נאכדעם אז מען האט נישט קיין אמונה הייבט מען אן צו ווערן א נצרך לבריות, מען הייבט אן טראכטן ׳קיינער דארף מיר נישט וכו׳׳, און דאס אלעס קומט פון דעם יצר הרע. דערפאר אז א מענטש חזר׳ט זיך איין די אמונה, און ער זינגט זיך אונטער אז ׳אלעס איז דער אייבערשטער׳, און ׳קיינער

## עַצָתוֹ אֱמוּנָה

קען מיר גארנישט טון', 'קיינער קען מיר נישט שלעכטס טון, און אויך נישט גוטס טון', אזא מענטש איז אלעמאל פרייליך.

איך האב זייער הנאה ווען דיין מאן קומט צום שיעור מאנטאג נאכט; איך ווייס אז עס איז אים שווער צו קומען זייט איר האט זיך אוועק געצויגן.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח אז דו זאלסט זיין שטארק ביי דיר, און קיינמאל נישט קוקן וואס א צווייטער זאגט.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום א' פרשת קרח, כ"ד סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב גרויס הנאה פון דיין מאן; ער פירט זיך מיט גרויס יראת שמים, און ווען ער האט נאך געלערנט אין ישיבה איז ער געווען גאר חשוב, אבער יעצט נאך די חתונה איז ער נאך אסאך מער חשוב, ווייל א אינגערמאן וואס דארף ברענגען פרנסה און ארויסגיין אין גאס יעדן טאג ארבעטן, מיט דעם שטארקט ער זיך און ער לערנט יעדן טאג זיינע שיעורים, און ער גייט אין שול דאווענען דריי מאל א טאג, דאס איז נאך מער חשוב אויבן אין הימל.

איך בעט דיר זייער, שטארק דיך מיט אמונה פשוטה, און חזר די אמונה א גאנצן טאג; ווייל ווען א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה פשוטה, ער גלייבט און ער ווייסט מיט א קלארקייט אז קיינער קען אים גארנישט טון, נאר אלעס איז דער אייבערשטער - דער מענטש איז א פרייליכער מענטש, און אלע פאביעס און אלע דמיונות גייען אוועק. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה, כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ

לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים, רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עס זענען דא מענטשן וואס ליידן זייער אסאך יסורים, נאר ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה.

ווען א מענטש גלייבט אינעם אייבערשטן, און ער ווייסט אז יעדע זאך וואס פאסירט דא אויף דער וועלט איז אנגעשריבן פון אויבן, אזא מענטש ווערט נישט צעבראכן ווען עס גייט אים נישט אזוי ווי ער וויל, ווייל ער ווייסט אז דער אייבערשטער מאכט אלעס, און ער פירט אלעס, און אן דעם אייבערשטן קען מיר קיינער גארנישט טון.

חז"ל זאגן (חולין ז.): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה", א מענטש צעקלאפט זיך נישט זיין פינגער, נאר אז מען רופט אויס פאר דעם אין הימל אז דער און דער מענטש דארף יעצט כאפן א קלאפ אין פינגער, נאך זאגן חז"ל (יומא לח:): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ, בִּמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבֻךָ" - א מענטש דארף זיך נישט זארגן 'אפשר וועט מיר איינער צו נעמען מיין פרנסה', ווייל "אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶּה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ", קיינער קען נישט צו רירן וואס עס דארף קומען פאר דיר.

דאס האט מוהרא"ש מיט אונז גע'חזר'ט אלע יארן, און דאס דארפן מיר איבער חזר'ן און איבער געבן פאר אונזערע קינדער און באקאנטע, אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, און קיינער קען גארנישט טון אן זיין באפעל.

איך פריי מיך זייער שטארק אז איר קומט זוממער אין קעמפ; אמת, עס קאסט זייער טייער, אבער איך האף אז נאך א יאר צוויי וועלן מיר שוין נישט דארפן צאלן אזוי סאך צו דינגען א פלאץ וכו', ווייל מיר וועלן האבן אן אייגענע פלאץ, וועט עס נישט קאסטן אזוי טייער. אבער עס לוינט זיך יעדע דאללער וואס מען צאלט צו קענען זיין אין אזא הייליגע פלאץ, וואו קינד און קייט לעבן מיט איין מחשבה - אמונה! קינדער און בחורים און עלטערע - אלע רעדן צום אייבערשטן, און וואס מען דארף בעט מען נאר פונעם אייבערשטן.

זייטס געזונט, און דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח צו קענען ערציען דיינע קינדער געזונטערהייט.

...

בעזהשי"ת - יום ב' פרשת קרח, כ"ה סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

בעפאר ר' נתן האט געוואוסט בכלל פונעם רבי'ן, איז ער געווען ביים הייליגן קדושת לוי זי"ע; דארט פלעגט זיין א מנהג צווישן די תלמידים, אז זיי פלעגן מאכן יעדע וואך א מלוה מלכה, און יעדע וואך האט א צווייטער תלמיד אנגעגרייט די מלוה מלכה. מען פלעגט מאכן א גורל, און ועמענס נאמען עס איז ארויס געקומען, דער האט געדארפט צו גרייטן די עסן פארן מלוה מלכה.

איין וואך איז ארויס געקומען אינעם גורל ר' נתנ'ס נאמען, און ער איז געגאנגען אייקויפן פאר מלוה מלכה. אויפן וועג איז ר' נתן געווארן זייער צעבראכן, ער האט געטראכט צו זיך: 'אויף דעם בין איך באשאפן געווארן? צו גיין קויפן בייגעלעך?' אזוי טראכטענדיג איז ער אריין אין שול, און ער איז ארויף אויבן אינעם ווייבער שול, דארט האט ער זיך גענומען זאגן תהילים מיט גרויס געוויין, אזוי האט ער געזאגט קאפיטל נאך קאפיטל ביז ער איז אנגעקומען צו קאפיטל נ', און פון גרויס געוויין איז ער איינגעשלאפן דארט אין ווייבער שול.

אזוי שלאפענדיג האט ער זיך גע'חלומ'ט ווי ער קריכט ארויף אויף א לייטער, און ער פאלט אראפ, ער פרובירט נאכאמאל און ער פאלט נאכאמאל אראפ, אזוי איז געווען נאכאמאל און נאכאמאל - ער האט פרובירט צו קריכן און אלץ צוריק געפאלן, אינמיטן זעט ער ווי אויבן ביים שפיץ פונעם לייטער שטייט א מענטש, און ער זאגט אים: "דראפע דיך און דערהאלט זיך", ['דראפע דיך' איז א ווארט אין אלט אידיש וואס מיינט 'פרוביר מיט אלע דיינע כוחות'], און ער האט זיך אויפגעוועקט פון זיין שלאף. שפעטער ווען ער איז געקומען צום רבי'ן, האט ער געזען אז דער מענטש וואס האט אים געזאגט אין חלום "דראפע דיך און דערהאלט זיך" - דאס איז דער רבי.

# עַצָתוֹ אֱמוּנָה

מוהרא"ש ז"ל האט געזאגט אז וואס דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן, איז געזאגט געווארן פאר אונז אלע; דאס הייסט, אז דער רבי זאגט פאר אונז אלע: "דראפע דיך און דערהאלט זיך". ווייל יעדער מענטש האט זיך זיין פעקעלע וואס ער שלעפט מיט זיך; יעדער מענטש האט זיינע ביטערע נסיונות, און יעדער מענטש שפירט יעדן טאג אדער אפאר מאל א טאג ווי ער קען מער נישט אנגיין און ער וויל אויפגעבן, דארף מען געדענקען וואס דער רבי זאגט אונז: "דראפע דיך און דערהאלט זיך" - פרוביר מיט אלע דיינע כוחות אנצוגיין!

עס זאג זיך זייער גרינג פאר א צווייטן "גיי אן"; נו, ווי אזוי קען מען טאקע אנגיין? דורכדעם וואס א מענטש געוואוינט זיך צו זיך אויסצורעדן צום אייבערשטן, ער פארציילט אלעס פארן אייבערשטן, און ער שמועסט זיך אויס מיטן אייבערשטן אזוי ווי איינער שמועסט זיך אויס מיט א גוטע חבר - דאס איז דער סוד פון קענען אנגיין. איך טראכט צו מיר אסאך מאל, 'ווען איך זאל נישט וויסן פון דעם סוד פון התבודדות, וואלט איך נישט געקענט אנגיין מיטן לעבן'; און איך ווייס נישט ווי אזוי מענטשן גייען אן מיטן טאג טעגליכער לעבן אן דער זאך פון זיך אויסרעדן צום אייבערשטן די גאנצע הארץ.

דערפאר, ליבער ברודער, טייערע הארציגער ..., פאלג דעם רבי'ן; גיי אין א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און פארצייל אלעס פארן אייבערשטן, שמועס דיר אויס דיין הארץ צום הייליגן באשעפער, זאג אים: "רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, קוק ווי איך בין פארפלאנטערט געווארן, איך דארף אן עצה, איך דארף א ישועה, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין גוט; וואס זאל איך טון דער יצר הרע ברענט אין מיר און מאכט מיר פשוט משוגע, וויפיל איך וויל שוין זיין וואויל, פאל איך נאכאמאל אראפ". אזוי זאלסטו מאריך זיין מיט דיינע אייגענע תפילות, וועסטו קענען אדורך גיין דער וועלט בשלום.

זיי געזונט און שטארק; איך ווארט צו הערן פון דיר וואו דו האלטסט מיט דיינע לימודים. איך האף אז דו גייסט יעדן טאג אין שול, ווייל וויסן זאלסטו אז איינמאל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מען הייבט אן מזלזל זיין אין דאווענען, קען מען אינגאנצן אוועק פאלן פון אידישקייט ח״ו.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת קרח, כ״ז סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מיין טייערע ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

א אינגערמאן נאך די חתונה דארף האבן א דיין וואס דעם דיין פרעגט ער אלע זיינע שאלות, און מען טאר זיך נישט אליין פסק׳ענען. פרעג דיין שווער ווער עס איז א גוטע מורה הוראה וואס איז א ירא שמים און זוכט נישט מחמיר צו זיין סתם אין דער וועלט אריין; מאך א קשר מיט דעם דיין, און ווייז אים אלע דיינע חשבונות וכו׳, און ער וועט דיר אויסשטעלן דיין לוח וכו׳.

בונגע וואס דו פרעגסט צי די מקוה אין יבניאל איז נאך גוט אזוי ווי ווען מוהרא״ש ז״ל האט געלעבט; לגבי הלכה קען איך דיר נישט ענטפערן, דאס דארפסטו פרעגן די דיינים דארט, אבער לגבי די הבטחה וואס מוהרא״ש ז״ל האט מבטיח געווען אז דאס איז מסוגל צו האבן קינדער, און א פרוי וואס וועט זיך טובל׳ן דארט וועט נפקד ווערן בזרע של קיימא, דאס גייט אן ווייטער, און אז מען האט אמונה אין די ווערטער פון א צדיק באקומט מען א ישועה.

שטארק דיך, און זיי ממשיך צו פארשפרייטן אין ארץ ישראל די סידי״ס און קונטרסים; די אלע בחורים וואס פארן אהין לערנען און זיצן זיך אפ אין זייערע דירות און קוקן צוזאמען אלע שמוציגע מאוויס רחמנא לצלן, דיקא דארט פאר זיי זאלסטו פארשפרייטן די סידי״ס און די נייע אידישע קונטרסים. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס בחורים גיין אריבער יעדע טאג, עס ברענט אין זיי דער יצר הרע, און וויפיל זיי

מאכן אפ ביי זיך צו זיין וואויל און ערליך, פאלן זיי אראפ נעבעך אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, און קיינער ווייסט נישט אדער מאכט מען זיך ווי מען ווייסט נישט - וואס זיי גייען אריבער, און דיקא די ספרים און קונטרסים, די סידי״ס און די דיבורים, העלפט זיי און געבט זיי נאך אן האפענונג.

זע צו פארברענגן מיט דיין ווייב פריוואט, און גיי נישט צו חברים עסן; עס איז נישט כדי, ווייל א פרישער אינגערמאן באלאנגט אין שטוב. אדער עס ביי דיין שווער, אדער ביי א זיידע, אז דו וועסט פאלגן וועסטו נישט חרטה האבן.

איך בענק מיך נאך מער נאך דיר; אויב דיין ווייב איז מסכים דו זאלסט פארן ראש השנה קיין אומאן, וועלן מיר זיך דארט זען אי״ה.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי״ת - יום ה׳ פרשת קרח, כ״ח סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב הנאה אז דו ביסט זיך מחזק מיט די בריוו וואס איך שרייב דיר; וויסן זאלסטו, אז לכבוד דעם וואס דו האסט מיר געשריבן אז דו ביסט זיך מחי׳ מיט די בריוו יעדן טאג, און דאס איז דיין חיזוק אנצוגיין אין לעבן, האב איך די וואך ווייטער געשריבן פאר מיינע תלמידים.

בנוגע וואס דו פרעגסט צי גאר קליינע קינדער מעגן זיין אין סווימינג פאל ווען פרויען שווימען; עס איז נישט קיין צניעות אפילו פאר קינדער צו זיין אין א סווימינג פאל ווען פרויען שווימען, און אפילו ווען דאס קינד איז נאך גאר קליין, געבט מען אויך אכטונג אויף דעם.

בנוגע צי דו זאלסט מיט גיין מיט דיין ווייב שאפינג אין גוי'שע געשעפטן וכו'; איך וואלט דיר ג'עצה'ט אז דו זאלסט בלייבן זיצן אין שטוב. א אינגערמאן האט נישט וואס צו גיין אין גוי'שע געשעפטן וכו', דיין ווייב וויל דאך איינקויפן פאר איר קליידער; נו, וואס דארפסטו זיך דרייען צווישן קליידער פון פרויען? וואס זוכסטו זיך צרות? לאז איר גיין מיט איר שוועסטער אדער איר פרענד, און לאז איבער די ווייבערישע זאכן פאר די ווייבער, שטופ נישט אריין דיין נאז וואו דו דארפסט נישט.

אז דו ווילסט, קענסטו גיין מאכן א שבת ארדער צוזאמען, אדער גיי קויף איין מיט איר מעבל; אבער נישט אין גוי'שע געשעפטן וואס דארט איז די פריצות זייער שטארק.

מען דארף אסאך בעטן פאר זיך אויף יראת שמים, און אויף ערליכע קינדער; מענטשן מיינען אז געלט איז דער עיקר. מען איז מקנא א ברודער, א שוועסטער, א שוואגער - וואס האבן געלט און האבן א גרויסע דירה וכדומה, אבער דאס איז נישט דער לעבן, נאר דער לעבן איז ערליכע אידישע דורות, קינדער וואס פירן זיך מיט יראת שמים, און קינדער וואס האבן א געפיל צו צדיקי אמת, דאס איז דער עיקר.

נעכטן איז געווען א חתונה אין ישיבה, די חתן כלה האבן געלערנט אין ישיבה און אין סקול. זאגט מיר איינער פון די משפחה: "אלע האבן מיר געלט, אלע האבן מיר וואס מיר דארפן, אבער נחת און ערליכע אידישע דורות - דאס האט דער מחותן, ווייל ער האט אמונת חכמים, ער גלייבט און פאלגט דעם הייליגן רבי'ן, נישט קיין חילוק צו עס איז גרינג אדער שווער".

איך האב הנאה געהאט צו הערן אזעלכע ווערטער פון א משפחה מיטגליד, ווייל ווען מען קוקט פון אינדרויסן, קען זיך דאכטן כאילו דער ערליכער איד איז דער פארשעמטער, און די אנדערע וואס לויפן נאך געלט זייער גאנצער לעבן, זיי האבן דעם לעבן. אבער ר' נתן ז"ל האט געזאגט פאר זיין תלמיד ר' נחמן טולטשינער ז"ל: "עס איז נישט דא וועמען צו מקנא זיין, אויב מקנא זיין, דארף מען מקנא זיין אן

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

ערליכער איד, און אויב ביסטו דער ערליכער איד - זאגט ער פאר ר' נחמן טולטשינער - בין איך דיך מקנא".

א ערליכער איד קוקט אויף זיך, א ערליכער איד לעבט מיטן אייבערשטן, און א ערליכער איד פארציילט פארן אייבערשטן יעדע זאך וואס באדערט אים. אויב איינער זאגט אים עפעס וואס טוט אים וויי, פארציילט ער עס פארן אייבערשטן; אויב איינער טשעפעט אים, זאגט ער דאס פארן אייבערשטן, און ווי מער מען רודפ'ט אים, אלץ מער אנטלויפט ער צום אייבערשטן. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב' סימן יג): "כְּשֶׁחוֹלְקִין עַל הָאָדָם, נִמְצָא שֶׁרוֹדְפִין אוֹתוֹ, וְהוּא בּוֹרֵחַ בְּכָל פַּעַם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכָל מַה שֶּׁחוֹלְקִין עָלָיו יוֹתֵר, מְקָרְבִין אוֹתוֹ יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווען מען רודפ'ט אן ערליכער איד, שטופט מען אים אלץ מער און מער צום אייבערשטן, ווייל ער פארציילט אלעס פארן אייבערשטן.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת קרח, כ"ח סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע ... ני"ו**

ווי אזוי שפירסטו זיך? עס איז שוין בעסער געווארן? איך בעט אזוי סאך דעם אייבערשטן פאר דיר, און איך בין זיכער אז דער אייבערשטער וועט דיר שיקן א ישועה בקרוב.

איין זאך בעט איך דיר טייערע הארציגער ...; דראפע זיך און דערהאלט זיך מיט אלע דיינע כוחות צו גלייבן אינעם אייבערשטן, און נישט האבן קיין קשיות אויף אים. א מענטש וואס איז א מאמין גייט אים אלעס גרינגער. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נג) אז א מענטש וואס לעבט אן אמונה איז זיין לעבן אזוי ווי א בהמה, אבער ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו לעבן מיט אמונה, אז יעדע זאך וואס גייט

אריבער אויף אים פארציילט ער פארן אייבערשטן, און יעדע זאך וואס באדערט אים זאגט ער פארן אייבערשטן, זיין לעבן איז א געשמאקע לעבן.

איך האב זייער הנאה יעדן טאג צו זען דיין אימעיל וואס דו שיקסט מיר; זאלסט וויסן אז איך בעט פאר דיר זייער אסאך. איך האב דינסטאג נאכט געהאט א שטארקע בזיון, איינער האט מיר פארשעמט ביי די חתונה, האב איך געזוכט א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און איך בין דארט געגאנגען מאכן התבודדות, און איך האב געבעטן פאר דיר, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן: נעם מיין בזיון און ער זאל דיר געבן א גוט לעבן.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - ערב שבת קודש פרשת קרח, כ"ט סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע תלמיד ... ני"ו**

איך וויל דיר באדאנקען פאר אלעס וואס דו האסט מיר אזוי שיין ארויסגעהאלפן אז די חתונה זָאל זאל אויסקומען אזוי שיין לשם ולתפארת; בזכות דעם וואס דו העלפסט מיר אזוי געטריי, זאלסטו בקרוב טרעפן דיין שידוך, און אויפשטעלן א שיינע שטוב מיט ערליכע אידישע דורות.

איך האב זייער הנאה פון דיין אויפפירונג, סיי מיט דיינע שיעורים - ווי דו לערנסט אזוי פלייסיג; סיי מיט דעם וואס דו העלפסט אין ישיבה מיט אזא איבערגעגעבנקייט. וויסן זאלסטו אז במשך די אלע יארן וואס די ישיבה שטייט, די אלע בחורים וואס האבן מיר געהאלפן אויפשטעלן די מוסד מיט זייער גאנצע הארץ וכו', די אלע האבן היינט צו טאגס א שיינע לעבן, ווייל דער הייליגער רבי באצאלט פאר ווער עס העלפט אים.

טייערער ..., וויסן זאלסטו אז עס איז א זכיה אז מיר קענען משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן. און יעדע זאך וואס מיר טוען פארן רבי'ן וועט אונז העלפן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דער הייליגער אריז"ל שרייבט אז ווען א מענטש שוויצט ווען ער טוט א מצוה פארעכט ער זיינע עבירות פון פגם הברית; ווייל ווען א מענטש טוט אן עבירה, למשל מיט די הענט, אדער מיט זיין פוס, איז ווען ער טוט א מצוה מיט די הענט אדער ער גייט מיט זיין פוס צו טון גוטע זאכן, מיט דעם ווערט צוריק ליכטיג זיינע הענט און פוס וכדומה, אבער ווען א מענטש זינדיגט נעבעך אין פגם הברית - זינדיגט די גאנצע גוף וכו', און דאס ווערט פאראכטן ווען מען ארבעט און מען שוויצט פאר א מצוה מיטן גאנצן גוף. דאס זאג איך דיר, ווייל דו ביסט אויפגעוועקן גאנצע נעכט, מיט נאך אפאר בחורים, אראפ צו לייגן די נייע פלאר פאר די חתונה זאל ביי די פרויען, דו האסט געארבעט שווער און געשוויצט פאר א מצוה, זאלסטו וויסן אז דער זכות וועט דיר ביישטיין פאר דיין לעבן.

דעם בריוו זאלסטו ווייזן פאר אלע בחורים וואס האבן דיר געהאלפן, און פאר אלע אינגעלייט וואס העלפן מיר; ווייל אלע וואס העלפן מיר אויפשטעלן א קהילה וואו מען לעבט מיטן אייבערשטן, און קינד און קייט - יעדער איינער רעדט צום אייבערשטן, די וועלן זוכה זיין צו עסן די שכר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן געטרייע בחורים און אינגעלייט וואס יעדער וויל העלפן אויפשטעלן א פלאץ וואו מיר וועלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער בקדושה ובטהרה, א פלאץ וואו מיר וועלן קענען חתונה מאכן יונגערהייט, אן קיין חובות.

די חתונה דינסטאג נאכט דא אין ישיבה איז געווען א גרויסער קידוש השם. עס האט געהאט אלע טעמים; אזוי פשוט, אזוי איידל; אן קיין גאוה סרוחה, און אן קיין כבוד המדומה וכו' וכו'. מענטשן ווערן בעלי חובות פאר די פינף שעה פון א חתונה נאכט, מענטשן ווערן צעריסן פאר זייער גאנץ לעבן - נאר פאר אביסל כבוד המדומה, זיי צערייסן זיך, אלעס נאר ווייל זיי טראכטן אז אפשר וועט איינער זאגן אויף מיר אז איך בין אן עושר, און אפשר וועט איינער טראכטן אז איך בין א שיינער איד וכו'.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן דא צוויי מחותנים - תלמידים פון מוהרא"ש ז"ל - וואס לעבן נישט פאר יענעם, נאר זיי לעבן מציאות'דיג, און זיי האבן שכל צו טראכטן פון זיך; זיי ווייסן אז ווען עס גייט אריבער די פאר שעה פון די חתונה איז געענדיגט מיט אלע דמיונות, קיינער רעדט שוין נישט פון די נעכטיגע חתונה, און קיינער טראכט שוין נישט פון זיי.

א מענטש ברענגט אויס זיין געלט, אלעס נאר ווייל ער חלומ'ט און ער מיינט אז די גאנצע וועלט ווייסט אז ער מאכט א שמחה, ער לעבט זיך אין זיין חריין און ער פאנטאזירט אז אלע רעדן נאר פון אים וכו' וכו'; וואס באמת, לאמיר זאגן אז מען רעדט יא פון דיר, וואס דארף דיר עס אפילו אנגיין? וואס געשעהט אז יענער האלט יא פון דיר? און וואס פאסירט אז יענער וועט דיר יא ארויף קוקן אדער נישט ארויף קוקן? וואס באמת איז נישט דא קיין צייט פאר א נארמאלער מענטש צו טראכטן פון א צווייטן, ווייל יעדער איז פארנומען מיט זיך.

איך געדענק א שיינע זאך וואס מוהרא"ש ז"ל האט מיר אמאל געזאגט. עס איז געווען ווען מען האט אויסגעווארפן פאשקעווילן קעגן מיר דא אין שטאט; מען האט געווארפן אזוי סאך פאשקעווילן, אז עס האט אויסגעזען ווי עס האט געשנייט, די גאנצע שטאט איז געווען ווייס, הונדערטער טויזענטער צעטלעך האט מען אויסגעווארפן אקעגן מיר. און איך בין געגאנגען צו מוהרא"ש ז"ל נעמען אביסל חיזוק, האט מיר מוהרא"ש געזאגט: "יואל! ווער האט צייט צו ליינען פאשקעווילן? ווען א מענטש גייט אין גאס טראכט ער פון זיינע פראבלעמען, א נארמאלער מענטש איז נישט פארנומען מיט א צווייטן; דו מיינסט זיכער אז יעדער טראכט נאר פון דיר, אבער באמת איז יעדער צעבראכן אויף שברי שברים, ווייל אויף יעדן איינעם גייט איבער ביטערע שווערע נסיונות ה"י, און קיינער האט נישט קיין צייט צו טראכטן פון דיר".

מוהרא"ש ז"ל האט מיר דאס אזוי שיין צולייגט, אז פון דעמאלט האט מיר עס שוין נישט געבאדערט, ווייל איך האב געטראכט צו מיר: 'ממה נפשך, א נארמאלער

מענטש ליינט עס נישט, און די פאר מענטשן וואס ליינען עס יא, די זענען דאך נישט קיין נארמאלע מענטשן, און פון זיי דארף איך דאך זיך זיכער נישט מבלבל זיין׳.

נאך א מעשה האב איך געהאט מיט מוהרא״ש ז״ל; איך האב פארציילט פאר מוהרא״ש אז עס איז מיר שווער צו גיין אין גאס צווישן מענטשן, ווייל מען לאכט פון מיר. דעמאלט האבן אלע חוזק געמאכט פון מיר, און זיך געשושקעט אויף מיר וכו׳, האט מוהרא״ש ז״ל מיר געזאגט: ״דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ראיה, סימן ח): ״מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת״, ווער עס היט זיינע אויגן ווערט געראטעוועט ווערן פון בזיונות; פון וואנעט ווייסטו אז מען לאכט פון דיר? - פרעגט מיר מוהרא״ש - ווייל דו קוקסט אויף מענטשן; פאלג דעם רבי׳ן, היט דיינע אויגן, און קוק נישט אויף קיינעם, נאר גיי דיר דיין וועג, וועסטו נישט האבן קיין בזיונות״.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו ווערן מקורב צו מוהרא״ש ז״ל, וואס האט אויף מיר רחמנות געהאט, און מיר אויסגעלערנט א וועג ווי אזוי איך זאל לעבן א חיים טובים. מוהרא״ש האט מיר געגעבן דעם שטיק שכל אז איך זאל וויסן אז א קלוגער מענטש קוקט נאר אויף זיך, און א קלוגער מענטש איז נאר פארנומען צו זען אז ביי אים אין שטוב זאל זיין שלום, עס גייט אים נישט אן וואס מענטשן רעדן וועגן אים, און וואס מענטשן זאגן, דער עיקר קוקט ער אויף זיך, און אויף זיין ווייב און קינדער.

ווען איך האב געעפענט די ישיבה, איז געווען א גרויסער רעש אין שטאט; דו געדענקסט זיכער אביסל, דו ביסט דעמאלט געווען א קינד און דו האסט געלערנט אין די תלמוד תורה פון וואו מען האט מיר ארויסגעווארפן. זייער אסאך פון מיינע תלמידים וואס האבן געלערנט ביי מיר האבן דעמאלט געוואלט אריין קומען צו מיר אין ישיבה, אבער וויבאלד מען האט ארויסגעלאזט אויף מיר א שלעכטער נאמען, זענען די עלטערן געווארן זייער צעמישט, און זיי האבן נישט געוואלט אריין לייגן זייערע קינדער ביי מיר אין ישיבה, אבער לאידך גיסא - די בחורים, האבן נישט געוואלט הערן פון גארנישט, זיי האבן נאר געוואלט קומען צו מיר אין ישיבה. די

בחורים פלעגן קומען אין ישיבה, און די עלטערן פלעגן קומען מיט פאליציי יעדן טאג ארויס נעמען די קינדער, (איך מיין אז דו ביסט געווען אין ישיבה דעמאלט שנת תש״ע), איינמאל האט א טאטע אינגעשפארט זיין זון, ער האט צוגעשפארט דעם הויז מיט א שלאס פון אינדרויסן אז דער זון זאל נישט קענען ארויסגיין פון שטוב בייטאג ווען דער טאטע ארבעט, וואס מיינסטו דער בחור האט געטון, דער בחור איז ארויס געשפרינגען פון פענצטער און געקומען אין ישיבה. דער טאטע איז געווארן אזוי בכעס אז ער האט צעריסן אלע משניות׳ן פון זיין שטוב, ער איז אזא עם הארץ (מיט זיין ריפסענע בעקיטשע, און מיט די שיפע טאשן) אז ער מיינט אז משניות איז א ברסלב׳ער ספר; בקיצור המעשה, די עלטערן האבן גארנישט געקענט טון, ווייל אפילו מען איז געקומען מיט פאליציי ארויס נעמען די בחורים, פלעגן די בחורים צוריק קומען דעם קומענדיגן טאג.

זענדיג אז זיי קענען גארנישט טון, האבן די עלטערן אראפגערופן א גרויסער עסקן פון ארץ ישראל, ער איז געקומען צו פארן זען ווי אזוי מען קען מיר צעגרינדלייגן (הי׳ לא תהי׳), דער עסקן איז טאקע געקומען רעדן צו מיר פאר אפאר שעה, און שפעטער איז ער געגאנגען צו מוהרא״ש ז״ל; האט מיר איינער פון די אינגעלייט פארציילט שפעטער, וואס ער איז געווען אין צימער ווען דער עסקן איז געווען ביי מוהרא״ש ז״ל, אז יענער עסקן האט געזאגט פאר מוהרא״ש אז ער פארט צוריק קיין ארץ ישראל, ווייל ער קען גארנישט טון, ער האט געזאגט: ״קיינער וועט נישט קענען צעברעכן יואל, ווייל זיין ווייב איז מיט אים״.

איך שרייב דיר דאס, אז דו זאלסט וויסן אז עס איז נישט קיין גרויסקייט ווען א מענטש קוקט נישט אויף א צווייטן, פארקערט, עס איז א טיפשות ווען א מענטש קוקט אויף א צווייטן; מענטשן שטעלן מיך אפ כסדר, און זאגן מיר: ״כל הכבוד אז דו האסט עס דורך געמאכט, און דו האסט זיך נישט אונטערגעבראכן פון טערארֿ״, אבער איך טראכט צו מיר: ׳וואס איז בכלל דאס גרויסקייט פון דעם, וואס האב איך מיט א צווייטן? וואס האב איך אז מען האלט יא פון מיר, צי מען האלט נישט פון

מיר?׳ ווילאנג א מענטש איז ביי זיך זיכער אז ער טוט גוט, קען אים קיינער נישט צעברעכן.

איך שרייב דיר דאס אלעס ווייל דו האסט מיר געהאלפן אנגרייטן די חתונה זאל; איך וויל אז דו זאלסט וויסן אז איך האב נאכגעגעבן אסאך זאכן פאר די מחותנים וכו׳, איך בין נאך נישט צופרידן פון די חתונה, איך וויל מאכן אז א חתונה זאל זיין נאך אסאך מער פשוט׳ער, נאר מען דארף נאר גיין בהדרגה, אזוי ווי דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה א): ״ווען דער שני למלכות איז אנגעקומען צום שטאט וואו די בת מלך איז געווען, זאגט דער רבי: ״ער איז געגאנגען צו א גביר וכו׳, ווארן מען דארף זיך דארטן פארזוימען, ווארן מען מוז זען מיט חכמה און שכל מען זאל איר ארויס נעמען (ווי אזוי ער האט איר ארויס גענומען האט דער רבי נישט דערציילט) אבער צום סוף האט ער איר ארויס גענומען אמן סלה״, דאס זעלבע זאג איך דיר, מיטן אייבערשטנס הילף ווען מיר מאכן חתונות נאך מער פשוט׳ער, און מיר וועלן צעברעכן די עבודה זרה פון מאכן שמחות פאר יענעם.

טייערע ..., שטארק דיך, און קוק נישט אויף קיינעם; דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז דו ביסט מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן, וואס דער הייליגער רבי לערנט אויס צו לעבן מיטן תכלית. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן סז): ״ווען מען ווערט מקורב צום צדיק אמת, נִפְתָּחִין עֵינָיו וְיָכוֹל לִרְאוֹת, עפענען זיך אויף די אויגן, און מען הייבט אן זען דעם אמת, זאגט אבער דער רבי, ״וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ״ דער עיקר איז, מען זאל קוקן אויף זיך; דעריבער, קוק נישט אויף קיינעם, נאר קוק אויף דיר, וועסטו האבן א גוט לעבן.

איך מוז דיר דערציילן נאך א שיינע מעשה. מוהרא״ש ז״ל איז אמאל געווען אין ישיבה ביי א שבע ברכות, און בשעת מוהרא״ש ז״ל האט גערעדט זיין דרשה, איז ארויס געקומען א גרויסע רעש פון די פרויען זאל, די פרויען האבן גערעדט אזוי הויעך אז מען האט נישט געקענט הערן קלאר און געשמאק ווען מוהרא״ש ז״ל האט גערעדט, איז א בחור צוגעגאנגען צום וואנט, און געגעבן דריי שטארקע קלאפעס

אויפן וואנט און געשריגן שא שא שא, אזוי ווי מען הערט ביי יעדע שמחה ווי מענטשן גייען צו דער מחיצה און קלאפן און שרייען; מוהרא״ש ז״ל האט אפגעשטעלט די דרשה, און געזאגט הויעך פאר דעם בחור: ״דו זיי פארנומען נאר מיט דיר; טראכט נישט פון יענעם, און נעם נישט קער פון יענעם, וועסטו האבן א גוט לעבן״. דער גאנצער עולם איז ארויס פון די כלים, על כל פנים איך בין ארויס פון די כלים, ווייל אזאנס האב איך אין מיין לעבן נישט געזען, און איך ווייס נישט צי דו האסט עס יא געזען, ווייל געווענליך ווען איינער האלט א דרשה, און איינער קומט אים העלפן שושקען, אדער קלאפן, שרייען און קאמאנדעווען, וועט זיך יענער פרייען, אבער דא האבן מיר געזען ווי מוהרא״ש ז״ל מיט זיין שכל נפלאה זאגט אים: ״דו זיי פארנומען נאר מיט דיר; טראכט נישט פון יענעם, און נעם נישט קער פון יענעם, וועסטו האבן א גוט לעבן״.

וואס זאל איך דיר זאגן, איך דאנק דעם אייבערשטן יעדן טאג אז איך האב זוכה געווען צו האבן אזא רבי מיט אזעלכע עצות.

זיי געזונט און שטארק. איך וואלט געוואלט וויסן אויב דו האסט א טראק, און אויב דו קענסט ארויס טראגן מיינע פעקלעך קומענדיגע וואך אין קאנטרי.

א גוט שבת.

...